בחצרות
# סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ד' | פ' כי תצא | ח' אלול | תשע"א | פסחים: ע"ג

# באריכט:

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור ב' ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הבחורים חתני הבר מצוה, הב' בן הרב יצחק פראנקפוטער הי"ו פון בארא פארק, און הב' בן מוה"ר ישראל ארי' האלענדער הי"ו.

פאר'ן דאווענען איז אין ביהמ"ד הגדול פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' שלמה נח היילברון הי"ו פון קרית יואל ווי דער רבי שליט"א איז געווען סנדק און מוהל.

נאכמיטאג האט דער רבי שליט"א ממשיך געווען מיט'ן טעגליכן "סוגיא שיעור" אין היכל ישיבה גדולה – שיעור ב'.

## פריידיגע קבלת פנים בביהמ"ד הגדול אין בני ברק פאר הב' יואל זאב גאלדשטיין הי"ו

היינט מיטאג איז הב' יואל זאב גאלדשטיין הי"ו – וועלכער איז נארוואס באפרייט געווארן פון די יאפנעזער טורמע – אנגעקומען אויף בני ברק ווי ער איז באלד צוגעפירט געווארן צום ביהמ"ד הגדול אין שיכון קרית יואל ווי עס האבן אים שוין דאן אפגעווארט זיינע חברים אין ידידים און עס איז אפגעהאלטן געווארן א ענגע מסיבת לחיים און דערביי איז פאהרגעקומען פייערליכע ריקודין ווי מען האט אפגעגעבן א שבח והודי' פאר אויבערשטן אז מען האט זוכה געווען געזונטערהייט זיך צוריק צו פאראייניגן מיט זייער אלטע און חשובע ידיד נ"י.

**-חסדי ה' כי לא תמנו-**

## עזרת ישראל להצלת ילדי תימן ראטעוועט ארויס 21 נפשות פון תימן קיין ארגענטינא

אין די לעצטיגע טעג האבן די מסי"נ הנהלה פון מוסד הק' עזרת ישראל סניף לאנדאן באוויזן דאס אומגלויבליכע, ווען נאך לעגערע השתדלות און אינטערווענץ פון די עסקנים איז געלונגען ארויסצוראטעווען 21 נפשות פון עטליכע משפחות פון תימן קיין ארגענטינא ווי מען האט זיי שוין בס"ד פלאצירט אין די ארטיגע מוסדות התורה.

די שווערע הארעוואניע פון די עסקנים גייען שוין אהן א שטיק צייט, און איז געפירט געווארן אויף א גאהר שטילע און מייסטערהאפטיגע אופן וועלכעס איז די

גאנצע צייט אויסגעפירט געווארן בהתייעצות ובפקודש מרן רבינו שליט"א אויף טריט און שריט.

אצינד בחסדי ה' איז דער מיסיע געקרוינט געווארן מיט גרויס סוקסעס, און איז צו פארדאנקען די געטרייע הנהלת מוסד עזרת ישראל לילדי תימן סניף לאנדאן וועלכע האבן דערין אריינגעלייגט אומערמידליכע כוחות אויסצופירן מן הכח אל הפועל בס"ד.



## ברוך דיין האמת

פארנט פון בית מדרשינו הגדול אין בארא פארק איז היינט אינדערפרי ארויס די לוי' פון הרה"ח הישיש מוה"ר ישראל דוד פריעדמאן ז"ל וועלכער איז נפטר געווארן אין עלטער פון 93 יאהר, ווי עס האבן מספיד געווען הגה"צ גאבד"ד דקהלתינו ב"פ שליט"א און נאך עטליכע רבנים שליט"א און זיינע חשובע קינדער און אייניקלעך.

דאן איז דער נפטר געפירט געווארן צום ביה"ח אין קרית יואל ווי עד איז געקומען לקבורה.

***-ובלע המות לנצח-***
***-בשורות טובות-***

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**
**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**